בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה
צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת
קודש פרשת צו, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין
וויליאמסבורג יע"א, ביים שיעור אין פעולת
הצדיק, און ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

**שבת קודש פרשת צו, שנת תשפ״ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט״א געווען אין וויליאמסבורג יע״א. אינדערפרי פאר׳ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט ספר הקדוש פעולת הצדיק סימן תתנא.**

שרייבט מוהרא״ש זכותו יגן עלינו: ״חֲצִי אֱלוּל: בָּא רֶבִּי יוּדִיל אֶל רַבֵּנוּ זַ״ל לִהְיוֹת כְּבָר אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה״, אינמיטן חודש אלול איז רבי יודל זכרונו לברכה געקומען צום רבי׳ן, צו זיין ביי אים אויף ראש השנה. ״וְהָיְתָה דַּרְכּוֹ לְהִכָּנֵס בְּכָל יוֹם אֶל רַבֵּנוּ זַ״ל וּלְדַבֵּר עִמּוֹ״, ער איז יעדן טאג אריין צום רבי׳ן. ״וְרַבֵּנוּ זַ״ל דִּבֵּר עִמּוֹ הַרְבֵּה כְּדַרְכּוֹ״, און דער רבי האט אסאך גערעדט מיט אים, ״וְגִלָּה לוֹ רַבֵּנוּ זַ״ל עִנְיָנִים נוֹרָאִים כְּפִי מַדְרֵגָתוֹ״, און דער רבי האט אים אנטפלעקט הויכע ענינים לויט זיינע מדריגות, (״כִּי רַבֵּנוּ זַ״ל דִּבֵּר עִם כָּל אֶחָד מִמְּקֹרָבָיו בְּאוֹפָן אַחֵר, כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי דַּעְתּוֹ וּכְפִי מַדְרֵגָתוֹ. וְזֶה הָרַב רֶבִּי יוּדִיל הָיָה מִתַּלְמִידָיו הַמֻּבְהָקִים בְּיוֹתֵר, כִּי הָיָה בַּעַל מַדְרֵגָה גָּדוֹל, וְהָיָה לוֹ מֹחַ וָלֵב רָחָב בַּעֲבוֹדַת־הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, עַיֵּן לְעֵיל סִימָן קכד״, ווייל דער רבי האט מיט יעדן גערעדט א אנדערע שפראך, געווענדן לויט יענעמ׳ס מדריגה, און רבי יודל איז געווען א גרויסער בעל מדריגה). ״וּפַעַם אַחַת סִפֵּר לוֹ רַבֵּנוּ זַ״ל מִמַּה שֶּׁעָבַר עָלָיו בְּעִיר לֶעמְבֶּערְג״, איינמאל האט אים דער רבי דערציילט וואס עס איז אויף אים אריבער אין שטאט לעמבערג, ״וְאֵיךְ שֶׁבָּא אֵלָיו הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צְבִי אַרְיֵה מֵאַלִיק (עַיֵּן לְעֵיל סִימָן תשנד) לְבַקְּרוֹ״, און דער הייליגער רבי צבי אריה זכרונו לברכה פון אליק איז אים געקומען באזוכן. ״וְיָצְאוּ לַחוּץ וְנָסְעוּ יַחְדָּו אֶל אֵיזֶה יַעַר מִחוּץ לָעִיר וְדִבְּרוּ אָז יַחַד מִכָּל הַצַּדִּיקִים, וּמֶה הָיְתָה עֲבוֹדָתָם״, און זיי זענען געגאנגען אין וואלד, און דארט געשמועסט פון אלע צדיקים וואס זייער עבודה איז געווען. ״וְנָשָׂא רַבֵּנוּ זַ״ל עֵינָיו לְמַעְלָה וְסִיֵּם לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צְבִי אַרְיֵה מֵאַלִיק:

׳אֲבָל מַה הוּא הָעִנְיָן שֶׁלִּי, זֶה אֵינוֹ יוֹדֵעַ שׁוּם אָדָם?׳ וּבְזוֹ הַלָּשׁוֹן אָמַר לוֹ: ׳אָבֶּער וָואס מַיין זַאךְ אִיז, דָאס וֵוייסְט קֵיינֶער נִיט!׳״, האט דער רבי אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און זיך אנגערופן: ״אָבֶּער וָואס מַיין זַאךְ אִיז, דָאס וֵוייסְט קֵיינֶער נִיט!״.

״אַחַר־כַּךְ הִמְשִׁיךְ רַבֵּנוּ זַ״ל בְּשִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה עִם רֶבִּי יוּדִיל וְאָמַר לוֹ: ׳אֲסַפֵּר לְךָ מַהִי הַחוֹלַאַת שֶׁלִּי וְכוּ׳׳ [וְגִלָּה לוֹ קְצָת רְמָזִים וְרָאשֵׁי פְּרָקִים מֵהַתּוֹרָה, שֶׁאָמַר אַחַר־כַּךְ בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה (עַיֵּן לְקַמָּן סִימָן תתנז)]״, דערנאך איז דער רבי אריין אין א שמועס פון זיין קרענק. ״וְסִיֵּם רַבֵּנוּ זַ״ל: ׳זְכוּת אָבוֹת לֹא תַּסְפִּיק לִי עַל רְפוּאוֹת הַחוֹלַאַת שֶׁלִּי, רַק בְּדָבָר אֶחָד בָּטַחְתִּי קְצָת, עַל שֶׁכַּמָּה אֲנָשִׁים הֶחֱזַרְתִּי אוֹתָם לְמוּטָב וְהֵבֵאתִי אוֹתָם לַמַּדְרֵגוֹת גְּדוֹלוֹת בַּעֲבוֹדַת־הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳, און דער רבי האט געענדיגט דעם שמועס זאגענדיג: ״כדי אויסצוהיילן מיין קרענק איז ׳זכות אבות׳ נישט גענוג, אבער איך האב א אנדערע זכות, איך האב צוריק געברענגט מענטשן צום אייבערשטן, און איך האב זיי געברענגט צו גרויסע מדריגות אין עבודת השם!״.

״עָנָה וְאָמַר רֶבִּי יוּדִיל: ׳אֱמֶת הַדָּבָר כִּי יָדַעְתִּי, שֶׁהָרַב רֶבִּי נָתָן בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק, (שֶׁקּוֹרִין גוּטֶער יוּד)!׳״ האט רבי יודל געזאגט פאר׳ן רבי׳ן: ״רבי נתן וועט נאך זיין א צדיק״, הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זַ״ל: ׳מַה שֶּׁאַתָּה אוֹמֵר, שֶׁבְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק, (אַז עֶר וֶועט זַיין אַ גוּטֶער יוּד), אֲנִי אוֹמֵר לְךָ, שֶׁהוּא כְּבָר עַכְשָׁו צַדִּיק, (עֶר אִיז שׁוֹין אַ גוּטֶער יוּד)!׳, האט דער רבי אים געענטפערט: ״דו זאגסט אז ער וועט נאך זיין א צדיק, איך זאג אז ער איז שוין א צדיק!

## דעם רבי׳נס זאך

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: דער רבי האט געזאגט פאר רבי צבי אריה: ״וָואס מַיין זַאךְ אִיז, דָאס וֵוייסְט קֵיינֶער נִיט״, אבער

גלייך נאכדעם האט דער רבי יא אביסל אנטפלעקט וואס זיין זאך איז, דער רבי האט זיך אנגערופן: ״כדי אויסצוהיילן מיין קרענק איז ׳זכות אבות׳ נישט גענוג, אבער איך האב א אנדערע זכות, איך האב צוריק געברענגט מענטשן צום אייבערשטן, און איך האב זיי געברענגט צו גרויסע מדריגות אין עבודת השם!״, זעט מען פון דעם וואס דעם רבי׳נס זאך איז געווען, צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן.

## מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן

און דאס דארף זיין אונזער ארבעט, טון וואס דער רבי האט געטון, מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן, דער רבי האט אונז געגעבן די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, לאמיר דאס געבן אויך פאר אנדערע מענטשן, נאך מענטשן זאלן וויסן אז זיי קענען רעדן צום אייבערשטן אויף זייער פשוט׳ע שפראך. ווען עס קומט אויס צו רעדן מיט א חבר, קען מען אים פשוט אויפלעבן, מען זאגט אים: ״דער אייבערשטער איז דא מיט דיר, און דו קענסט רעדן צו אים, בעט אים וואס דו דארפסט״.

## זיי זיך נישט מייאש

אסאך מאל שפירט א מענטש ׳איך קען נישט לערנען׳, ׳איך קען נישט דאווענען׳, לערנט אונז דער רבי אויס, בעט דאס פונעם אייבערשטן: **״רבונו של עולם העלף מיר איך זאל לערנען, העלף מיר איך זאל דאווענען״**, נאכמער, אפילו א מענטש וואס איז נעבעך אראפ געפאלן ער האט זיך צוגעוואוינט צו קוקן שלעכטע זאכן רחמנא לצלן, און ער ליגט שוין אזוי שטארק דערין אז ער וויל דאס שוין נישט אפלאזן, איז אויך דא פאר אים אן עצה, דער זאגט רבי: זיי זיך נישט מייאש, דערצייל עס פאר׳ן אייבערשטן: **״רבונו של עולם איך וויל זיין א איד, איך בין שוין אזוי שטארק צוגעקלעבט צו מיינע תאוות, העלף מיר איך זאל עס כאטש ווען אפלאזן״.**

## רַעֲוָא דְרַעֲוִין - ווילן ווען

אפילו א מענטש איז שוין אזוי צעבראכן, ער וויל שוין נישט זיין גוט, בעט דו זאלסט ווען בעטן צו זיין גוט, וויל דו זאלסט ווילן זיין גוט. 'ווילן ווען' איז די גרעסטע מדריגה, עס שטייט אין זהר הקדוש (פרשת יתרו דף פח:) משה רבינו איז נסתלק געווארן שבת אין די צייט פון מנחה, און דעמאלט איז 'רַעֲוָא דְרַעֲוִין', דאס מיינט 'רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת' (עיין ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ד), קען זיין דער פשט איז, "איך 'וויל ווען' זיין אן ערליכער איד" - דאס איז 'רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת'.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן, ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## שבת קודש פרשת צו, שנת תשפ״ב לפרט קטן, ביי סעודה שלישית, האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר״ן סימן רצט.

שרייבט דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה:

״אַחַר שִׂמְחַת תּוֹרָה הָיִיתִי רָגִיל לָבוֹא אֵלָיו ז״ל. וּבְכָל שָׁנָה כְּשֶׁבָּאתִי אֵלָיו אַחַר שִׂמְחַת תּוֹרָה שָׁאַל אוֹתִי: אִם הָיִיתִי שָׂמֵחַ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה?״ יעדעס יאר נאך שמחת תורה ווען איך בין געקומען צום רבי׳ן, האט מיר דער רבי געפרעגט: ביסט געווען פריילך שמחת תורה? ״וְסִפֵּר לִי כַּמָּה פְּעָמִים אֵיךְ הָיוּ הָעוֹלָם שְׂמֵחִים בְּבֵיתוֹ וְהָיָה לוֹ נַחַת גָּדוֹל מִזֶּה״, און דער רבי האט מיר דערציילט עטליכע מאל ווי פריילך עס איז געווען ביי אים, דער רבי האט זיך מחיה געווען אז מען איז געווען פריילך ביי אים. נאך דערציילט רבי נתן: ״וְכֵן עוֹד פַּעַם אַחַת בְּאֶמְצַע הַשָּׁנָה דִּבֵּר עִמִּי מֵעִנְיַן שִׂמְחַת תּוֹרָה, אִם אֲנִי מַרְגִּישׁ שִׂמְחָה בְּלִבִּי אָז״, איינמאל אינמיטן יאר ווען איך בין געווען ביים רבי׳ן, האט דער רבי אנגעהויבן רעדן פון שמחת תורה, און דער רבי האט מיר געפרעגט: שמחת תורה האסטו געשפירט פריילך אין הארץ? ״אוֹ עַל כָּל פָּנִים פַּעַם אַחֵר בַּשָּׁנָה אִם אֲנִי מַרְגִּישׁ שִׂמְחָה בְּלִבִּי״, אדער כאטשיג אנדערע צייטן אין יאר ביסטו פריילך?

(שרייבט רבי נתן זכרונו לברכה: ״וּבָרוּךְ ה׳ שֶׁעֲזָרַנִי בְּחַסְדּוֹ הַגָּדוֹל לִשְׂמֹחַ בְּכָל לֵב כַּמָּה פְּעָמִים בַּשָּׁנָה, וְהִרְגַּשְׁתִּי הַשִּׂמְחָה בְּלִבִּי מַה שֶּׁאִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ כְּלָל״, ברוך השם אז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן עטליכע מאל אין יאר, אז איך בין געווען זייער פריילך, אזא געוואלדיגע פרייליכקייט וואס איך קען נישט דערציילן פאר אנדערע. ״כִּי שִׂמְחַת יַהֲדוּתֵנוּ, מַה שֶּׁזָּכִינוּ לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל וּלְהַאֲמִין בּוֹ יִתְבָּרַךְ, הוּא לְכָל חַד כְּפוּם מָה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ. וְאִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ כְּלָל. כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים״, ווייל ווען עס כאפט אן א שמחה, מען

הייבט אן שפירן אינעוויינינג אין הארץ גליקליך אז מען איז זוכה צו זיין א איד און צו גלייבן אינעם אייבערשטן, שפירט מען אזא גוטע טעם, אז מען קען קיינעם נישט מסביר זיין דעם גוטן טעם וואס מען שפירט. בִּפְרָט בְּחִינַת הַדְּבֵקוּת שֶׁמַּרְגִּישִׁין בִּשְׁעַת הַשִּׂמְחָה אֲפִלּוּ הַפְּחוּת שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, זֶה אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר כְּלָל", איבערהויפט ווען א איד - נישט קיין חילוק ווער, אפילו דער פשוט'סטער איד, - שפירט דעם אייבערשטן, ער שפירט אז דער אייבערשטער איז דא, ער שפירט זיך צוגעקלעבט צום אייבערשטן, קען ער זיכער נישט מסביר זיין פאר קיינעם וואס פאר א בענקשאפט ער האט צום אייבערשטן).

"כִּי חֶפְצוֹ וּרְצוֹנוֹ הָיָה מְאֹד", ווייל דעם רבי'נס זאך, און דעם רבי'נס ווילן, איז געווען, "שֶׁנִּהְיֶה שְׂמֵחִים בְּכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ", אז מיר זאלן זיין פרייליך א גאנצע יאר, "בִּפְרָט בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה וּפוּרִים וּבְשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב", ספעציעל שמחת תורה און פורים, און יעדן שבת ויום טוב. "וְסִפֵּר לִי שֶׁפַּעַם אַחַת בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה רָקַד בְּעַצְמוֹ לְבַדּוֹ בְּחַדְרוֹ בְּלִי סִיּוּעַת אֲנָשִׁים אֲחֵרִים", און דער רבי האט מיר דערציילט אז איינמאל שמחת תורה האט ער געטאנצן אליינס ביי זיך אין שטוב; געווענליך האבן מענטשן ליבן צו טאנצן מיט אנדערע מענטשן, אבער דער רבי איז געווען אזוי פרייליך אז ער האט געטאנצן אליינס אין שטוב.

## מיט א פרייליכקייט

ווען מען האט געזען מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, האט מען אים אלץ געזען פרייליך; א גאנצן טאג, וואו ער איז געקומען און וואו ער איז געגאנגען, איז עס אלץ געווען אזוי ווי א מענטש זינגט זיך א ניגון, גייענדיג מיט א פרייליכקייט. מוהרא"ש איז נישט געווען קיין בעל מנגן, אבער פאר זיך האט ער זיך שטענדיג געזינגען ניגונים און זיך אונטער געטאנצן. אויך ווען ער איז ארויף שטיגן האט מען געקענט זען ווי ער גייט ארויף אזוי ווי איינער זינגט א ניגון און טאנצט זיך אונטער.

## פארוואס ביסטו נישט פרייליך?

אויב מוהרא"ש האט באמערקט אין בית המדרש איינעם מיט א פנים זועפות, האט אים מוהרא"ש געקענט געבן א פליק אין נאז (מיט ליבשאפט) פרעגנדיג: **"פארוואס ביסטו נישט פרייליך?"** ווייל דאס איז געוועז דעם הייליגן רבי'נס וועג.

## פאר אים איז עס טאקע א שאד

איי איך לייד צרות, זאגט שוין דער רבי (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קיט) יעדער איינער ליידט יסורים, עס איז נישטא קיין מענטש וואס זאל נישט האבן קיין יסורים, אפילו די גרויסע עשירים זענען אויך פול מיט יסורים, נאר דער חילוק איז, להבדיל, דער גוי וואס לייד, פאר אים איז עס טאקע א שאד, ווייל ער האט 'איין לעבן', ער לעבט נאר דא אויף די וועלט, און אז ער לייד יסורים האט ער גארנישט פון זיין לעבן, זאל ער ענדערש ענדיגן זיין לעבן כדי ער זאל נישט ליידן, אבער א איד האט 'צוויי לעבנס', ער לעבט דא און לעבט אויבן, אז מען ליידט – איז דאס נאר פאר אביסל, ווילאנג מען לעבן דא.

## די אריינגאנג צום צווייטן לעבן

די יעצטיגע לעבן איז נאר די אריינגאנג צום צווייטן לעבן וואס מיר וועלן ווייטער לעבן אויף יענע וועלט, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (אבות ד, טז): **"הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא"**, די וועלט איז אזוי ווי אן אריינגאנג צו א גרויסע שיינע זאל, **"הַתְקֵן עַצְמְךָ בַּפְּרוֹזְדוֹר, כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לַטְּרַקְלִין"**, אז מען גרייט זיך אן ביים אריינגאנג, דעמאלט וועט מען האבן א שיינע פלאץ אויבן אינעם שיינעם זאל.

## עס וועט צוניץ קומען

אז מען ליידט יסורים איז דאס נישט קיין תירוץ זיך ארום צו דרייען

צעבראכן און מרה שחורה׳דיג, ווייל באלד גייען מיר צוריק צום אייבערשטן, יעדע צער וואס מען איז דורך אויף די וועלט וועט צוניץ קומען אויף יענע וועלט, מען זאל דארט נישט דארפן ליידן.

## דאס ברענגט אים צוריק

מוהרא״ש ברענגט אסאך וואס די הייליגע חכמים זאגן (מדרש תנחומא פרשת תצא, סימן ב): ״**צָרִיךְ אָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו. לָמָּה, שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**״, א מענטש דארף מחזיק טובה זיין דעם אייבערשטן, ער דארף דאנקען דעם אייבערשטן ווען עס גייט אים נישט גוט, ווייל דאס ברענגט אים צוריק צום אייבערשטן.

## דו זעסט א שווארצע פינטל?!

דער יצר הרע פארגינט נישט א מענטש זאל זיין פרייליך, דערפאר דערמאנט ער דעם מענטש זיינע שלעכטע מעשים וואס ער האט געטון, ער ווייזט: ״**קוק ווי שלעכט דו ביסט, דו האסט פוגם געווען אין עבירות**״, אזוי מאכט ער דעם מענטש נאר טראכטן פון זיינע חסרונות, אין די צייט וואס ער האט אויך פילע מעלות. די סייענטיסטן זענען אויפגעקומען מיט א געדאנק, א מלמד קען דאס טון אין חדר מיט קינדער, מען נעמט א ליידיגע טאוול און מען שרייבט דערויף איין שווארצע פינטל, דערנאך פרעגט מען די קינדער: ״**וואס זעט עטץ?**״ ענטפערן אלע: ״**א שווארצע פינטל!**״ פרעגט מען צוריק: ״**דו זעסט א שווארצע פינטל?! איך זע א ריזיגע ווייסע טאוול!...**״ א מענטש זעט נאר דעם קליינעם שווארצע פינטל וואס געפונט זיך אינמיטן דעם גרויסן שיינעם טאוול, אנשטאט זען דעם גרויסן שיינעם טאוול; דאס טוט דער יצר הרע מיט א מענטש, ער ווייזט די פאר שלעכטע זאכן וואס מען האט געטון: ״**קוק, דו ביסט געפערליך!**״ איי, וואס געפערליך?! איך בין דאך א איד און איך בין

אנגעפילט מיט מצוות!

## מיט וואס זיך צו פרייען

דארפן מיר זען צו פאלגן דעם רבי'ן צו זיין פריילִיך, מיר האבן אזויפיל זאכן מיט וואס זיך צו פרייען; איך בין איד, איך גלייב אינעם אייבערשטן, איך היט שבת, איך דאווען שחרית, מנחה און מעריב, איך האב א בארד און פיאות, איך לייג תפילין, איך גיי אנגעטון מיט ציצית, איך טו מצוות און מעשים טובים - מיט די אלע זאכן בין איך פריילִיך.

## יעדן טאג טאנצן

מיר האבן איינגעפירט סיי ביי די אינגלעך אין חדר און סיי ביי די מיידלעך אין סקול, מען זאל יעדן טאג טאנצן, אויך אין ישיבה טאנצט מען נאך שחרית און נאך מעריב, עס איז כדאי יעדער איינער וואו ער דאווענט זאל זיך אביסל אונטער טאנצן נאכ'ן דאווענען זיך פרייען אז מען איז א איד.

## מיר האבן יא מיט וואס צו זיין פריילִיך

אין קאר קען מען דאס גרינג מקיים זיין, מען צינדט אן לעבעדיגע מוזיק און מען טאנצט. מען קען זען - להבדיל - ווי די טונקעלע גוים זינגען און טאנצן אין קאר, איך ווייס נישט פארוואס זיי טאנצן, זיי האבן דאך נישט מיט וואס צו זיין פריילִיך, אבער ברוך השם מיר האבן יא מיט וואס צו זיין פריילִיך, איך בין א איד און איך טו מצוות און מעשים טובים. מען דארפן נאר זען צו קוקן אויף די גרויסע ווייסע טאוול, אויף די גוטע זאכן וואס מען טון, און נישט אויף די קליינע שווארצע פינטל, אויף די פאר נישטי גוטע זאכן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

דערנאך האט מען געזינגען דעם ניגון: ״שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי. תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח. וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ. וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ. אָרוּר הָמָן אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ לְאַבְּדִי. בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי. אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי. בְּרוּכָה אֶסְתֵּר בַּעֲדִי. אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים. בְּרוּכִים כָּל הַצַּדִּיקִים. וְגַם חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב״.